
ידער
פון
יחיאל פײנצר


ידער
פון
יחיאל פײנצר

חברת דורשי האוניברסיטה
העברית בירושלם. ורשה.

נדבת
המוציא לאור

מספר 30005

יחיאל פיינער 30005

# צווייאונצוואנציק

— לידער —

הויפּטפאַרקויף „קולטור־ליגע" ווארשע

1931 — תרצ״א



RO 31V 5304

הילע געצייכנט פון
קינסטלער יצחק ברוינער

צענטראַלער ביכער־לאַגער
„קולטור־ליגע" ווארשע
לעשנאָ 40 װ. 11

H 91
פ״ל (ליד)

צװײאונצװענציק לידער;
צװײאונצװענציק יאָרן
אַ שטראַל אין טונקל-מידער
האָט שטום אַ קבר געגראָבן

- - - - - - - - - - - -

צװײאונצװענציק לידער;
צװײאונצװענציק יאָרן.

# אַרײַנפֿיר

יעדער דיכטער איז אַ שליח-צבור אויפֿן הייליקן באַרג פֿון שירה. ער איז דאָס אייביקע גראָטעסקע-געשטאַלט פֿון זײַן סביבה, די אין הײכן אַרויפֿגעשאָסענע און אין לופֿטן עקספּלאָדירטע ראַקעטע פֿון דער אָדער יענער אומגעבונג; פֿון דעם אָדער יענעם שבט. ער איז אַ געבוירס פֿון אויפֿגעפּלאַצטע רעזערוון. פֿון שטראָמיק-צעכוואַליעטע ענערגיע, אַ נולד פֿון דורות גאַנצע, אָנגעזאַמלטע, דערשטיקטע קלאַנגען, אַקאָרדן. און אַן אָנגעזאַפּטער מיט די אַלע געהיימע כּוחות, מעכטיקע יצירות, אײַנגעשאַפּטן, נשמה-ניואַנסן, כאַראַקטער-שטריכן פֿון זײַן פֿאָלק — קומט דער דיכטער; אַ געזאַלבטער אינעם היכל פֿון קונסט טוען זײַן דיכטערישער עבֿודה.

און שפּעטער - אויס דער דיכטער זײַן ליד ה״א פּלאַם - פֿײַערדיק שטיק גלוט, ווײַזן מיר ווער ס'האָט די זאָמען פֿון שירה אין זײַן מוטער-לײַב אָנגעגליט. אויב ברענען אינעם דיכטערס אויגן צוויי מנורות, ווײַזן מיר ווער סהאָט די פֿלאַמען דאָרט אין זיי אָנגעצינדן. ווײַל נישטאָ אויפֿן פּאַרנאַס אַן אָרט פֿאַר צופֿעליקע באַזוכער, יחידים, אונדיווידועלע-גײַסטער.



אַן הערלעכע-מאָזאַיִק, אַגעמיש פֿון פֿאַרבן שטעלט מיט זיך פֿאַר דער פּאַרנאַס, יעדער מעטאָף אין זײַן טלית פֿון אַ באַזונדער קאָליר. פּשיקאָווסקי פֿאַרגייט אין בתּוקותדיקער מאָרגן-רויט-געזאַנג, און מיקעל אַנדזשעלאָ אין טיפֿער בין-השמשות-מעלאַנכאָליע.

אַזוי איז זי שוין די טויזנט-סטרונעסדיקער כּלי-ניגון-דיכטונג. איינער חלומט בײַ איר הענט ווײַס-שנייִקע לבֿנה-נעכט, גלעזערנע-פּאַלאַצן און זעונגערוימטע בת-מלכּהס. און איינער פֿליסטערט בלחש נאָגנדיק ובני היכלא דכסיפֿין ... פֿון פֿאַרבענקטע שבת-קודש אויסגאַנגען. זיס-עלנטיגער, ווייך-באַמעשער ג-ט פֿון אַברהם...

מאַנכע זינגען צעיִיטיקטע, איוב-צעקרעציקטע צווישן יאָדערדיקע-הרוגים אויף פֿאַרבלוטיקטע פֿעלדער קינינן אויף דור-הפּלגה-טראָגען פֿון קופּעס-אבֿרים, אָפּגעריסענע שטיקער-פֿליישן פֿון דינאַמיט צעריסענע, און גרוילן בהסתּרים. לעכטערן מיט פֿאַרברענדיקן שוים אויף תּליון-ליפּן. בלוטיקן-אויס עהאַגנאַליזמס פֿאַר אײראָפּאַס אַנטגײַסטיקן דור, און באַגלייטן די טויטע מיט נאַקעטע לידער דורך טויערן פֿון מ״ט שערי טומאה און חלב-ציגל, אומקרייז-מיסטעריעס, זיי צימבלען אויף באַרבאַנקעס פֿון נאַכטישע-אָרגיעס פֿאַרטאַרצן

ווייסן - טאַנץ — די אייביקע חאָכצאַנאַליע פון נשמות - ערטילאות עקזאַלטירט אויפן הינטערגרונט פון שווינדזיכטיקע לבנה - נאַכט — — — —

מאַנכע חידער, יאָגן זיך הילד אויפן חעלטישן הפקר - שאָטן, טרונקן פון מדברשע דורשטקייט די פלאַמיקע - שקיעות פון אַלע חעלט. מילן, און לויטן הילד אין שטורימדיקע בהלה מיט אויגן צעבליצטע חי צעפלאַקערטע שנעון - רוינען, און זיפן און פאַרכלינען זיך אין קאָזאַקישע - הנאה מיט די רויט - אָפגעצינדענע בראַנדן, און זינגען דאָס ליד פון צעשווידערונג.

פאַרשיידן זענען די טענער פון דער צינערטוויזנטטרונגעסריקער = פידל, און אויסטערלישע - טיף און פאַרבאָרגן זינען די אייננענג - און - אויסגענג, הענן - און - אומהענן פונם לאַבירינטישן טעמפל האָט הייסט:

— דיפטונג.

חיל יעדער פאָלק איז טויזנטערליי קאָלירן - סאַרביק און מיט אַלע אירע תחש - חאַנדלונגען איז זי פאַרטראָטן אינם טעמפל פון קונסט דורך איר געזאַלבטן — דער דיכטער, חעלכער איז דאָס אָפשפיגלונג פון זיין פאָלק און איר עפאָכע - קאָלאָריט.

ביים מזבח=שטענדער זינגט יעדער כהן = דיכטער אויס די ליידן און טרוימונגען פון זיין צבור. מעג זיין



אין הילדער עקזאַלטאַציע אָדער שלוהדיקער ליפן = געטאַמל, ניט קאַ חילוק אויף חאָסערע אויפן, סטיל און פאָרם, מעג זיין דיכטער = סוטיריטס, דיכטער = אימפּרעסיאָניסט. סהאָט אַ פאָלק איר מורעס = גלאַק צעטראָסלט און סצעפליסן כחליענדיקע טענער, אויפגייענדיקע שירה, אויף בריטן און היכן, סצינגען זיך הערצער, נשמות צעפלאַקערן אין שטורימדיקע עמאָציעס. אַ פאָלק סטיגט אויף אויף שטאַפּלען פון דערהויבונג דורכן צויבער = שטעקעלע פונם יונגן מכשף... דער קונסטלער.

# התנצלות

עך, טונקל-צעפליטערטע, נאכט-חיאיקע און שוימיק-עקזאלטירטע לידער פיינע, חיזיעס מיינע, קומט
אהער, כחיל מיין צעשויבערטן קאפ ארפלייגן אויף אייערע קניען און דארט א לעצטע טרער לאזן.

א, שחארץ-דעמערדיקע געבוירסן מיינע! — חי קרוינען חאס שפיגלען זייער פראכט אנטקעגן בלאסק פון
מזרח-אויפגייענדיקער זון — האט איר דאך געקאנט מיט פרייריקן צאפל ליכטן.

חי פערלען חיין-טראפן חאס גלאנצן רעגן-בויגיק אויף ראנד פון שוימיקן מלך-בעכער — האט איר
דאך געקאנט פרייכן מיט איבערזעעיקייט.

חי הילדע ארכידעען, בשוף-כריזאנטעמען, בשטימדיקע-אנעמאנעס, מאנגאליע בלומען און טל-טראפן
גליחער-צאפלדיקע אויפן רויזן — אזוי האט איר דאך געקאנט פארדופטן מיט סבור-ריחות



איצט אבער, פארחאס זענט איר פארחאנדלט געחארן אין ארויסגעשפיגענע שטיקער בלוט פון מיין
חארצן; אין קנוילן-צער, אין צעקארטשעטע חיסיקן! פארחאס זענט איר עדות פון נעכט מיינע אין אומעט בלויז
פארבראכטע, פון זופצן דערשטיקטע פון קיינעם נישט דערהערטע, פון באהאלטענע טרערן, חיסע און שנעל-
אויסגעחישטע, פון מיינע שלוכצן אין באהעלטעניש פון נאכט און מסתרימקייט פון חעלט?

א, לידער! — געבוירסן פון מיין חיי און צארן. פארחאס זענט איר מיר חי א קרוין פון פארטונקלטע
זונען געחארן; חי א קראנץ פון פארחעלקטע בלומען ארום מיין קאפ. פארחאס האט איר מיך ארומגעהילט מיט
פינצטערע שלייערן פון גראען בין-השמשות?

א, שלייכנדיקע סילועטן אין נאכטישער עקזאלטאציע; — פארחאס שחעבט איר שפאסיק אויף
צעבלאכטע פענצטער פון דרויסנדיקער נאכט און מאלט בית-עלמין בילדער אין דמיון מיינעם?

איך בין פארגאנגען אין שטארבנדיקער בענקעניש נאך איך. מיין יוגנט פארשחענדעט אין נאגנדיקער
שחייגעניש. מיין פרילינג צעקרעפלט אין טרוימנדיקן בענקעניש, נאך אייך — לידער!

איצט, פארחאס זענט איר מיר געחארן חי שחארצע איבערבלייבענישן אויף איינענע חורבות. חי צייכנס

אויף רויִנען פֿון מײַן פֿאַרשווינדן לעבן, ווי פֿאַרגאַנגענע טרערן אויף האַלב-פֿאַרשאָטענע קברים, פֿאַרלאָזענע.

אָ, איר צעשוימטע, שוואַרץ-צעפּלאָנטערטע חזיוס מײַנע! —

זאָגט, ווו זענען פֿאַרשווינדן יענע טעג, אין וועלכע איך האָב גערויכערט אויסגעיִענדיק ווי אַ פֿאַרלאָשן שבת-קודש-ליכט פֿאַרן אָנהויב-נאָך פֿון קידוש-מאַכן ?

ווו זענען די נעכט, אין וועלכע איך האָב געגאָסט ווי פֿלעמל-שײַן פֿון מײַן אויסגעיִענדיקן נאַכט-לאָמפּ פֿאַרן אויסגאַנג פֿון באַגינען ?

זאָגט, וויפֿל נעכט האָבן מײַנע טריט אָפּגעקלאַפּט לער און טרויעריק אויף די טראָטואַרן פֿון ליידיקע גאַסן, ווי אויף אַן אַלטן בית-עלמין. פֿענצטער פֿאַרהאַנגען, טירן פֿאַרשלאָסן: זאָגט, צי דערמאָר פֿאַ:ע, ווײַל ג—ט האָט געשטראָפֿט מיך מיט אַ זינגענדיק האַרץ ?

— האָב איך מיר פֿון פֿאַלטאָ דעם קאָלנער אויפֿגעשטעלט, און ווי אַ הפקר-הינט אויף העכן צעפּלאָ-טערט. ווי אַ נאַכט-וואַנדלער געוואָגלט אײַנזאַם איבער פֿעלדער און געוויינט בלויז מיט ג—ט!

האָט די נאַכט מיר אירע סודות אַנטפּלעקט. האָט די ווײַט-ווײַטקייט פֿאַר מיר אירע פֿאַרבאָרגעניש[ן]



ניט אויסבאַהאַלטן. און דערזען האָב איך פּלוצים מײַן צער. — צער פֿון צעהיימיקטער וועלט. און אָנגעטאַפּט האָב איך מײַן סוד. — סוד פֿון נאַכט-צעטאָפּערטן לעבן.

אויפֿן פּאָן פֿון דער דאָזיקער נאַכט האָט אַ סילועט זיך שווערדיק צעשמײַכלט. אַ שטערן איז געפֿאַלן און פֿאַרלאָשן. און איך ?—: בין אין יענער נאַכט מעוברת געוואָרן מיט אײַך, לידער מײַנע.

— געבוירן פֿון ו ײ א ו ן נ אַ כ ט !

## ח

יאָ, איך װעל שױן פֿון הײַנט, עס ברענט מײַן מערב, פֿאַרגײט אין פֿלאַמען — װער װײס צי איך װעל נאָך דעריאָגן מײַן בלױסיקן טרױם אײדער סע װעט טונקל װערן.

מײַן האַרץ װערט פֿאַרברענט אין אירע אײגענע פֿלאַמען — װער װײס צי איך װעל נאָך באַװײַזן אױסצוזינגען מײַן לעצט שקיעה־ליד.

און עס װײנט אין מיר דער צער פֿון אַ ניט דערזינגען ליד.

אומזיסט האָב איך געהאַרט, אומזיסט געהאָפֿט, סאיז אָנגעקומען אַ שװײַגנדיקער, אין סודות־אײַנגעהילטער בין־השמשות.

װען מײַן האַרץ האָט זיך צעשטורעמט אַן עקזאַלטירט ליד אױסצוזינגען — איז די זון אינמיטן געשטאָרבן — װײ מיר!

מײַן גאָרטן האָט אָנגעהױבן װעלקן, װי אַ אָפּגעבערנדיקע פּרינצעסין װאָס רײַסט אַראָפּ פֿאַרן טױט פֿון זיך אירע קלײדער און צירונג.



װי טראָפּנס־בלוט האָבן די בױמער פֿון מײַן גאָרטן געװאָרפֿן פֿון זיך זײער לעצט ביסל בלעטער־גאָלד. מײַן נשאר־פֿרילינג, מײַנע אױסגעצערטלטע חלומות און יוגנט־טרױמען, אַלע מײַנע תּשוקות און הײס־באַגערטע פֿאַרלאַנגען, האָבן זיך װי פּלאָנטערס געװאַלגערט אױף דער האַרבסטיקער ערד און מענטשלעכע פֿיס האָבן אױף זײ געטראָטן.

דאָס האָבן זײ אַזױ געטראָטן אױף די צײַטיקע בלומען פֿון מײַן האַרצן.

סע װעט װעט יעצט הערן דאָס ליד װאָס צאַנקט אין גסיסה פֿון מײַן פֿאַרגײענדיקן פֿרילינג? װער װעט ירשענען מײַנע חלומות װאָס שטאַרבן ביסלעכװײַז־אױס אין די שקיעה־פֿלאַמען פֿון אײגענעם האַרצן?

— ג–ט אַלײן װעט באַצאָלן מיר, פֿאַר די נאָגענישן פֿון מײַנע אױסגײענדיקע פֿאַרלאַנגען; פֿאַר די מידע שױן הײַמיקן, װאָגלדיקע אומעטן, ניט פֿאַרדינטן צער — ג–ט אַלײן װעט מיר פֿאַר זײ שכר פֿאַרגיטיקן!

אַזױ רופֿט צו מיר אַ קול פֿון הינטערן ברוסט.

דאָס טרײסט מײַן נשמה מיך, געװײנט שטיל און קושט — — —

III

איך שאַף נישט מײַן ליד פֿאַר זאַט־באַלעבאַטישע, שמאַלציק־צעפרידענע, מענטשישע לעדיקײַטן וואָס צעגרימאַסן אויף קרום זייער פּנים און שפּאָטן: — ג ר אַ אָ ם!

קל־וחומר, אַז נישט פֿאַר די, וואָס האָבן סכ־ט־אָפּן אין מײַן יונגן לעבנס־בעכער אַרײַנגעטריפט. צײַטיקע בלומען פֿון מײַן גאָרטן צעטראָטן, שוין צוזאַמען מיט גראָליכער מילך פֿון מאַמעס־ברוסט האָב איך צאָרן און בסוף צו זיי אײַנגעזויגן.

זאָלן זיי נאָר נישט מחלל זײַן ציטעריקע בלעטער פֿון מײַן בוך, דורך אָנריר פֿון הענט זייערע.

— פֿאַר אײַך, מײַנע צעטרוימטע נשמות, לײַכטנדיקע נר־תּמידס, צעווייט איבער שטעטלעך צעוואָרפֿן — פֿאַר אײַך זינג איך מײַן ליד.

חענן אײַך, פֿילנדיקע, צעחלומטע נשמות, זוך איך איצט שפּעטער־נאַכט אין טונקעלן לאָמפּן־שײַן און שנירל אויס מײַנע בלומען אויף הײַסער פּאַפּיר־קרקע.

זאָלן גײַן אַלע לײַדנדיקע אויפֿן קבֿר פֿון אַ יונג־צעבראָכן לעבן, אַ צעטראָטענע־פּאַלמע, אַ צעחורבטע בוימל, אַ פֿאַרלאָשענער חלום, און צוזאַמען מיט מיר דאַרפֿט אַ טרער לאָזן! — —

# דיכטער-שאָטן

שוואַרצע, גראָע, אומעטיקע שצהן
און קויטיקע, צעבלאָטיקע וואָלקן-פלאַכטעס, ווי טיף-לויהדיקע, שוואַרץ-אַרונות·
גצוואַנטן, פאַרדעקן מיט לאַנגע-צעפּ, צעצויגענע-ווײדלען, דעם פראַכט פון אַ אמצע-טבת-נאַכט,
דעם גלאַנץ פון אַ הימל אַ בלאָען.

און עס ווייקט זיך ווי קוויטש, נישט אויסגעדרענגטע שמאַטעס, פּיטש-נאַסע
שטשערקעס—אין דרויסען די קלעפּיקע ווי ווערים ווייספלייִשיקע און פויזנדיקע—בייִנאַכט-לופט.
פינצטער —

שטילער, פּוסטער, ליידיקער פינצטערקייט. גרוילדיקער ווי בית-עלמין שאָטנס,
מצבות-פלעקן, מיט הענט ווי הינער-פיס פון „ניט-גוטע" קריכן זיי לונאַטיש, קלעטערן ווי
קעץ, ווילד, אויף שטומע אָבל-טרויעריקע ווענטלאַך פון אַ פאַרוואָרפן איינזאַמען דיכטער-שטיבל.



טראַם... טראַם... טראַם... באַנצעט אויס בין צוועלף, הייזעריק, אַ גרויס-באַקסטעל·
סער, אויבנאויפיק מיט שניצעכץ באַקרוינטער, געל-באַסטויבטער, ירושה-ווײנער.

הויבט זיך אויף און קריכט געלאַסן אַראָפּ — אַ שאָטן, פון אַ דאַר סקעלעטיש,
שטרויִק אויפלייג-בעטל, דערטאַפּט אין פינצטערקייט דעם בעקן און וועקס נעגל-גאָס
טעמפּן די ענגע-שטילקייט.

ראַצט זיך אַ שוועבל-פונק, שלייכט-צו צו אַ ווינקל און שאַרכנדיק-שטיל צינט
זיך אָן אַ לעמפּל-קנויט.

זעט זיך חי פון אַ בלאָען רויכיקן וואָלקן אַרויס, סמשופּעדיק קיילעך-אונטער-
הינקנדיק, מיט גרינעם פּאַפּיר באַפּלעקלט-צוגעדעקטן אַרבעטס-טישל, און שלאַנק-
פיגורלעך אַ ייִנגער מענטש, זיצט געבויגן איבער לאַנגע, קאַלטע, ווייסינקע פּאַפּיר-בלעטלעך.

זיין הויכער שטערן, רונד-קופּאָליק, בלייכט-זיך, צוקט, שמאָל-קנייטשנדיק, לויפּט-
איין, שיינס-אויף, אינם סאַטאָוון געלבקייט פון לאָמפּן-שיין.

זיינע אויגן, טיפֿע, אויפֿגעריסענע, ווי פֿענצטער פֿון חורבות – שוועבן אינעווייניק, ווייסע טויבן, בלאָע-חלומות, אין זיי שפּיגלט זיך, גלאַנצן פֿון פֿאַלנדיקע שטערן פֿאַרן פֿאַרלעשן, שמייכלען פֿון קינדער. וועלטן, פֿאַרן נברא ווערן.

אין זיין האַנט: – דריי שפּיצן-פֿינגער געפֿלאָכטענע, האַלט ער אַ שטעקעלע מיט אַ שטאַלענעם צויבער-שפּיץ, גלאַנצט דאָרט אויף זיין עק אַ טראָפּן שוואַרץ-בלוט, באַשאַ-פֿונג-פֿליסיקייט.

און עס הויבן אָן זיך צוזאַמענצופֿליען פֿון ווייטע וועלטן נאַקעטע נשמות, אַנפֿליגלדיקע גייסטער, שטיקער לעבנס, האַלבע תוהו - ובוהוס, שטופּן זיך און פֿילן אָן דאָס ענגע דיכטער - שטיבל.

אַלע, אַלע זענען איצטער געקומען נעמען תּיקון.

אַט ציען פֿאַרביי מחנות אויסגעשפּרייטע גרין - עלאַסטישע פֿעלדער, טויאיקע, באַלויכטן מיט בלאָען, רויכיקן לבנה-שיין, אויף וועלכע עס שפּרייזט אַ בלאָנדזשנדיקע אייביקייט און וואַרט אויף תּיקון.



אָט ציען פֿאַרביי און וויגן זיך לייכטשפּילעוודיקע קלאַנגען, געהיימע, סודותפֿולע. אַמאָל פֿאַרוואַנדלען זיי זיך אין גאָלדענע פֿאַוועס, קרייזלען זיך ווייס אויף זילבערנע לבנה-דעכער, ווידער-אַמאָל אין פֿאַרכשופֿטע אַנעמאָנעס, וואָס צעעפֿענען אין מאַי - נעכט צע-פֿליטערטע באָרדאָ - סאַמעט גלעקעלעך פֿאַר אַן אָנקומענדיקן צאַרטן לבנה-שטראַל.

שוועבן זיי פֿאַרביי, די מיסטיש - הייליקע, אָן ממשותדיקע קלאַנגען, און פֿאָדערן תּיקון.

סשלייכן פֿאַרביי גראָבע, שלאָבעריקע שטיקער לעבנס, גראָע, וואָכיקע מיט אַראָפּ-געהאָנגענע צוימען, שטיקער געוואַנטן בעטלדיקע. פֿון פּייטע, פֿאַרלאַזיקטע קעלער-שטיבער, חמרים, חמרים צ עז זיי פֿאַרביי און טראָגן אין זייער פֿאַרשמוציקטע מהנה אַ באַהאַלטענע ליכט, אַן אָרון. צווישן זייערע ברודיקע, צעלאַטעטע קליידער, באַהאַלט זיך אויס אַ קערן, וואָס גרונטפֿעסטיקט די וועלט.

די באַהאַלטענע ליכט וואַרט אויף תּיקון.

סשוועבן פֿאַרביי שטיקער כאָאָס, אָפּגעריסענע תוהו - ובוהוס, די נאַכט פֿאַרפֿלאָנ-

טערט זיך אָן אַ צעזילבערטע האַלב-לבנה, ווייס און טרויעריק שמייכלט די לבנה ווי אַ קינד. אויפֿן פּאָן פֿון צעפֿליסטערטן סוואָרבעניש ציִען נאָך שאָטנס, ווי שפּילע, ליריטע וויבראַציעס מיט נאַקעטע טריט.

כּשלייכט תּאַרביי דער בין - השמשות ווי אַ גראָע קאַץ. אין זיין דעמער שוואַרצן זיך טיליעטן, בלאָנדזשענדיקע געשטאַלטן, אַ וואַקכאַנאַליע פֿון נשמות - ערטלאות. עקואַל. טירט אויפֿן הינטערגרונט פֿון נאַכט, קרומען צעשויבערטע שמייכלען אין בעטן תּיקון.

אָט ווערט דאָס חדרל אָנגעפּילט מיט אויסגעטויכטע תּקופֿות, פֿאַרלאָשענע דורות, טעג, יאָרן, חדשים גיבן פּלוצים אַ שׂכאַר ווי אויף אַ פֿאַרפּלייצעניש.

שפּרינגענדיקע ווי שנייעלעך שמיפּערישע, טאַנצנדיקע ווי קאַרליקעס האָפּסנדיקע, סעקונדן, מינוטן, שווימען גיך-גיך, אַראָפּ און אַרויף, אַרויף און אַראָפּ, און פּאָדערן תּקון.

און שרעקליך ענג ווערט אינעם אָנגעפּילטן חדרל. צלע רייסן זיך מיט דערשטיקטע קולות, עטיפּן זיך און ווערן איינציקוייז פֿאַרוואַנדלט אין שוואַרצע שורהלעך, אויף די לאַנגע, קאַלטע, ווייסינקע בלעטלעך.



• •
•

– ברומט ווער שטילערהייט אַ שפּרוך! – באַשווערט עמיצער מיט לחשדיקע לעפּצן דעם עולם - התּוהודיקן צוזאַמענגעלאַף זיי זאָלן זיך באַרויִקן!

– שאַ! דאָס סקריפּעט אַזוי דער דיכטער מיט זיין שטאָלענעם צויבער - שפּיץ אויף ווייסינקע, פּאַפּירענע וועלטלעך. אַהין נעמט ער אַריין די נשמות - ערטילאות און איז זיי מתלבש אין גופֿים – – – – – – – – – – –

איינציקוייז ווערט זיין פּנים אַלץ בלאַסער און בלאַסער, ספּאַרלעשט אינם לעמפּל די קנויט, דאַן בלייבט ער אַ מידער אויף זיין שטיל זיצן, ביז סבלאָט אין פֿענצטער דער אויסגאַנג פֿון קריאַת - שמע – – – – – – –